# THE LITERARY GROUP "YUNG YISROEL"

David G. Roskies

Offprint from YUGNTRUF A Yiddish Student Quarterly Nos. 28/29, 33, 34

New York, 1978










דוד־הירש ראָסקעס / ירושלים

# די שרײַבער־גרופּע „יונג־ישׂראל"

טערא־סאַנטאַ, ראַזשינקעס מיט מאַנגער
איבער אַלע דײַנע זאַמדן.
(אַבֿרהם רינצלער)

צווישן די צענדליגגער טויזנטער פּליטים פֿון מיזרח־אייראָפּע וואָס זענען אָנגעקומען קיין ישׂראל אין די סוף־פֿערציקער יאָרן האָבן זיך געפֿונען אויך אַ צאָל ייִדישע שרײַבער־אָנהייבערס. פֿאַר זיי איז געשטאַנען אַ דרײַיִקע עבֿודה: 1) זיך אײַנבירגערן אין אַ נײַ לאַנד; 2) זוכן אַ קינסטלערישן תּיקון פֿאַר זייערע איבערלעבענישן און 3) זוכן אַ טריבונע ווו זיך צו דרוקן. סוף אָקטאָבער 1951 האָבן זיי זיך אין משק יגור (לעבן חיפֿה) פֿאַראייניקט אין אַ גרופּע מיטן נאָמען „יונג־ישׂראל." להיפּוך צו דער „כאַליאַסטרע" און די „אינזיכיסטן" האָט די נײַסטע שרײַבער־גרופּע קיין מאַניפֿעסט מיט אַטאַקעס קעגן זייערע ליטעראַרישע פֿאָרגייערס ניט אַרויסגעגעבן און להיפּוך צו די „קיִעווער" און „יונג־ווילנע" האָט די ישׂראלישע גרופּע ניט אויפֿגעשטעלט קיין שום געזעלשאַפֿטלעכע פּלאַטפֿאָרמע. אויב מע זאָל וועלן אַרויסצײַען אַן עסטעטיש־אידעיִשע ליניע פֿון די שאַפֿונגען פֿון דער ישׂראלישער גרופּע, וואָלט מען זי באַצייכנט ווי אַ סינטעז פֿון אײַנגעוואָרצלטע ייִדיש־ליטעראַרישע טראַדיציעס און אַנגענומענקייטן מיט דער נײַער לאַנדשאַפֿט און טעמאַטיק פֿון מדינת־ישׂראל.

בילדער פֿון אומקום האָבן אָבער פֿאַרטונקלט די פֿרייד פֿון דער „נײַער היים". די וואָס זיי האָבן באַוויזן אַרויסצוגעבן אייגענע ווערק פֿאַרן עולה זײַן האָבן זיי דורכויס אָפּגעגעבן דעם חורבן: משה יונגמאַנס הינערפּלעט (רוים, 1947), ה. בנימינס שטויבן (מינכן, 1948), שלמה וואָרזאָגערס זײַן (מינכן, 1948) און יאָסל בירשטיינס אונטער פֿרעמדע הימלען (מעלבורן, 1949). בײַ די איבעריקע שרײַבערס האָט דער חורבן־מאָטיוו זיך אויסגעדריקט אין די ערשטע ישׂראלישע ווערק זייערע (צבֿי אײַזנמאַן, רבֿקה באַסמאַן און משה גורין). וויסנדיק אַז אַזאַ טעמע ווערט זייער לײַכט באַנאַליזירט, האָט יאָסל בירשטיין געפֿאָדערט ערלעכקייט און עכטקייט:

> ס'איז גענוג אַז אַ שרײַבער, דערשפּירנדיק אַז עס מאַכט זיך אַ ליד אין זײַנע געדערים, זאָל זיך אַ דערמאָן טאָן „זעקס מיליאָן," און גלײַך זעט ער זיך אַרויפֿשפּאַנען אויף דער בינע און — די וועלט ווערט פֿול מיט רשעות, אַלע זענען שלעכט, די שׂינאה איז גרויס אָבער ער, זײַן אייגן האַרץ, איז פֿול מיט ליבשאַפֿט און רחמנות נאָר קיינער פֿאַרשטייט אים נישט.
>
> יונג־ישׂראל, 1956, ז' 54

נאָך אַ גרעסערער מיכשול פֿאַרן שרײַבער איז די ייִדישע שפּראַך אַליין. מילא דער חורבן איז געקניפּט און געבונדן מיט ייִדיש אָבער מיט דער נײַער מלוכה איז די פֿאַרבינדונג נאָך זייער אַן אומזיכערע. משה יונגמאַן האָט געגלייבט אַז:—

> אמתע קונסט שטייענדיק אין דינסט פֿון פֿאָלק — אין זײַן דינאַמישן אַספּעקט — שרעקט זיך נישט אָפּ פֿון שפּראַכלעכע מחיצות, דינט דעם פֿאָלק מיט לײַב און לעבן און מיט וואָס זי האָט. שטעלט דעם דגש אויף גײַסטיקער נאָענטקייט און ניט אויף שפּראַכלעכער.
>
> יונג־ישׂראל, 1954, ז' 36

אַבֿרהם רינצלער, דער ראַדיקאַלסטער אין דער גרופּע, האָט געהאַלטן פּונקט פֿאַרקערט:

> די ווײַטער־אַנטוויקלונג פֿון אונדזער ליטעראַטור איז ניט אָפּהענגיק פֿון קיין שום קולטור־פּאָליטישע פּרעקאָנצעפּציעס אָדער פּרע־קאָנדיציעס; זי איז אָפּהענגיק נאָר און אויסשליסלעך פֿון זיך אַליין.
>
> קיין שום נעאָ־נאַציאָנאַלע קאָנצעפּציעס וועלן נישט משפּיע זײַן איר המשך. שפּראַך און ליטעראַטור מוזן אָנהייבן צו עקסיסטירן בײַ אונדז ווי צוויי זעלבשטענדיקע און באַזונדערע טעריטאָריעס.
>
> יונג־ישׂראל, 1956, ז' 58

יאָסל בירשטיין האָט געספֿקט צי עס איז בכלל געווען אַ לייענערשאַפֿט וואָס זאָל אויפֿנעמען די נײַע שאַפֿונג זייערע און צי אין ישׂראל עקסיסטירט אַ סבֿיבֿה ווו דער ייִדיש־שרײַבער קען זיך אויסלעבן פֿרײַ („דער ייִדישער שרײַבער אויפֿן קיבוץ,״ די גאָלדענע קייט נומ׳ 11, זז׳ 162—167).

די שפּראַכפּראָגע פֿירט ווידער אַ מאָל צוריק צום ענין טעמאַטיק. בעת פֿאַר די פּאָעטן איז דער סינטעז פֿון ישׂראל און ייִדיש געווען אַ פּרוכטיקער און פּראָדוקטיווער, זענען די פּראָזאַיִקערס געשטאַנען פֿאַר גרויסע שוועריקייטן. פּראָזע איז בטבֿע מער קאָנטעקסטועל, מער געזעלשאַפֿטלעך אײַנגעוואָרצלט ווי פּאָעזיע, דאַרף די שפּראַך אַרומנעמען מערער ווי דעם שרײַבערס אײַנדרוקן און עמאָציעס. און אויב מע וויל טאַקע אָפּשפּיגלען דעם פֿיל־זײַטיקן וווּקס פֿון מדינת־ישׂראל, מוז מען צופּאַסן די שפּראַך צו אַ שפּאָגל נײַער פּראָבלעמאַטיק. יאָסל בירשטיינס קיבוצניקעס רעדן ייִדיש, סײַ אין פֿעלד סײַ אין בעט. לשם קאָלאָריט ניצן זיי ספּעציפֿישע קיבוץ־אויסדרוקן, אָבער בדרך־כּלל פֿילט זיך ניט קיין דיפֿערענצירונג צווישן דער שפּראַך פֿון יונג און אַלט, אַשכּנזי און ספֿרדי. בײַ קאַרפּינאָוויטשן זענען די איבערצײַגנדיקסטע דיאַלאָגן די וואָס עס פֿירן ייִדן פֿון דער „אַלטער היים.״ ווי נײַ מע זאָל ניט פּרוּוון זײַן, מוז מען בויען אויף אַ צוגעגרייטן באָדן, און דער שפּראַכבאָדן איז נאָך געווען זייער רוי.

יעדער שרײַבער מוז ציִען די יניקה פֿון זײַנע ליטעראַרישע פֿאָרגייערס. וויפֿל ער זאָל ניט פּרוּוון געטרײַ זײַן דער „רעאַליטעט,״ וועט ער זיך באַניצן מיט ליטעראַרישע אָנגענומענקייטן אָט די רעאַליטעט צו באַשרײַבן. די שרײַבערס פֿון יונג־ישׂראל האָבן מיטגעבראַכט אין לאַנד אַ געוויסן ליטעראַרישן באַגאַזש. צבֿי אײַזנמאַנס צימצומדיקער סטיל, ווי ער אַליין האָט אַ מאָל דערקלערט, וואַקסט אַרויס פֿון ל. שאַפּיראָן. בײַ די פּאָעטן פֿילט זיך מאַנגערס פֿאָלקיש פּשטות און שלאָנסקיס געפֿיל פֿון תּנכישער בראשיתדיקייט.

נאָך מער: דער שרײַבער פֿון יונג־ישׂראל האָט געהאַט אַ היסטאָרישן פּערספּעקטיוו אויך. אין דער זאַמדיקער ארץ־ישׂראל־ערד האָט ער כּסדר געזוכט סימנים פֿון אַמאָליקע לאַנדשאַפֿטן. ה. בנימין האָט זיך דערוואָרעמט צו אַ „שנײ אין ירושלים״; צבֿי אײַזנמאַן האָט געפֿונען בית־מדרש־ייִדן אין אַ קיבוץ; משה יונגמאַן האָט באַזונגען די ל״ו־קי פֿון זײַן געגנט און רחל פֿישמאַן האָט דערפֿילט „תּריג זאַפֿטיקע פֿריידן״ בײַם קלײַבן פּירות אויפֿן פֿעלד. אָט דער טאַלאַנט צו סינטעזירן דעם אַמאָל אין גלות מיטן הײַנט אין ישׂראל איז אפֿשר דער איינציקער שטריך וואָס כאַראַקטעריזירט אַלע מיטגלידער אין דער גרופּע.

יונג־ישׂראל האָט עקסיסטירט ווי אַ גרופּע אַזוי לאַנג ווי די מיטגלידער האָבן זיך גענייטיקט אין איר. וואָס אַן אמת, האָט זי זיך ניט געאײַלט אַרויסצוגעבן אַן אייגענעם זשורנאַל, צי צוליב עקאָנאָמישע סיבות צי צוליב אַ דוחק אין אַמביציע. נאָך איידער די גרופּע האָט געהאַט אַ נאָמען האָט זי זיך געדרוקט בשותּפֿות מיט די גאָלדענע קייט (נומ׳ 7 [1951] זז׳ 150—180) און נאָך דער אָפֿיציעלער גרינדונג אין נומ׳ 13 (1952) זז׳ 192—228. ערשט דעצעמבער 1954 איז אַרויס דער ערשטער נומער יונג־ישׂראל. די ביבליאָגראַפֿיע איז ניט קיין גרויסע: אחוץ דרײַ נומערן יונג־ישׂראל וואָס האָבן דערזען די ליכטיקע שײַן האָבן זיבן מיטגלידער אַרויסגעגעבן זייערע ווערק אין דער ביכער־סעריע אויפֿן נאָמען פֿון דער גרופּע:

1. משה יונגמאַן, אין שאָטן פֿון מולד, (פּאַריז, 1954), 103 זז׳.
2. צבֿי אײַזנמאַן, די באַן, (יגור, 1956), 162 זז׳.
3. יאָסל בירשטיין, אויף שמאָלע טראָטואַרן, (תּל־אָבֿיבֿ, 1958), 300 זז׳.
4. רבֿקה באַסמאַן, טויבן בײַם ברונעם, (ת״אָ, 1959), 109 זז׳.
5. אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטש, דער וועג קיין סדום, (ת״אָ, 1959), 180 זז׳.
6. רחל פֿישמאַן, זון איבער אַלץ, (ת״אָ, 1962), 58 זז׳.
7. משה גורין, די גרינע בריק, (ת״אָ, 1966), 94 זז׳.



לויט די ביבליאָגראַפֿישע אָנווײַזן מוז מען אָננעמען אַז נאָך 1959 האָט די גרופּע אויפֿגעהערט צו פֿירן אַן אַקטיווע עקסיסטענץ. טייל מיטגלידער (ה. בנימין און אַבֿרהם רינצלער למשל) האָבן אין גאַנצן אויפֿגעהערט צו שרײַבן און אַנדערע האָבן שוין מער ניט געדאַרפֿט האָבן אַ גרופּע הינטער זיך כּדי ממשיך צו זײַן זייער אַרבעט. מע מוז אָבער אָננעמען אַז די תּחילתדיקע פֿאַראייניקונג האָט געמוטיקט איטלעכן פֿון זיי צו שאַפֿן אויף ייִדיש אין ישׂראל. צוליב דעם אַליין פֿאַרמאָגט דאָס קאַפּיטל יונג־ישׂראל אַן אָנגעזען אָרט אין אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע. זי האָט פֿאַרזייט דעם קערן פֿאַרן נײַסטן צווײַג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.



צבֿי אײַזנמאַן.* געבוירן אין וואַרשע 1920. געענדיקט אַ ייִדישע וועלטלעכע שול. אַנטלאָפֿן קיין רוסלאַנד בעת דער מלחמה. שפּעטער אָפּגעזעסן צוויי יאָר אין קיפּראָס און פֿון דאָרט אַריבער קיין ישׂראל 1949. די ערשטע דערציילונג אָפּגעדרוקט אין נײַ־וועלט 1948. געווען אַ חבֿר אין משק יגור און געהערט איצט צום דערבײַיִקן קיבוץ אַלונים.

אײַזנמאַן איז דער איינציקער פֿון די פּראָזאַיִקערס אין יונג־ישׂראל וואָס זײַן אייגן־מיניקער, צײַטיקער סטיל האָט זיך באַוויזן אין דער סאַמע ערשטער דערציילונג. ער איז פֿון די איבערקלײַבערישע שרײַבערס — פֿון דער פֿאַרגאַנגענער און איצטיקער וועלט הייבט ער אַרויס נאָר דאָס וואָס אים איז נייטיק. פֿאַר אים זענען געקינצלטע טויבן און בלומען, חלומות און אויסגעטראַכטע באַגעגענישן רעאַלער, ממשותדיקער ווי די וועלט פֿון אמתע זאַכן און פּאַסירונגען. זײַנע העלדן זענען עלנט און פֿאַראייניזאַמט אַפֿילו ווען זיי וווינען אין מיטן פֿון אַ טומלדיקן וואַרשעווער הויף, אַפּשיטא שוין אין מיטן רוסישן סטעפּ. זייער עלנט נייט זיי אויסצוזוכן אַ פּיקטיוון אָנהאַלט ווי באַלד קיין פֿאַקטנדיקן אָנהאַלט איז ניט פֿאַראַן.

אײַזנמאַנס ערשטער באַנד דערציילונגען די באַן (יגור 1956) איז צעטיילט אין דרײַען: פּוילן, רוסלאַנד, ישׂראל. לויט אונדזער אָפּשאַץ זענען דער ערשטער און דריטער טייל אַ סך געראָטענער פֿאַרן מיטלסטן, ווײַל אין זיי זענען טאָן און סטיל אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיטן תּוכן, בשעת אינעם מיטלסטן טייל ווערט דער באַלאַנס קאַליע דורך אַ צו דראַסטישן סוזשעט. אײַזנמאַנס זשאַנער איז די קאָמפּאַקטע נאָוועלע וואָס נעמט אין זיך אַרײַן אַ באַגרעניצטע סיטואַציע מיט צוויי אָדער דרײַ געשטאַלטן. די מיליע איז וויכטיק ניט אין און פֿאַר זיך, נאָר דערמיט וואָס זי רופֿט אַרויס פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿונעם מענטשלעכן כאַראַקטער. אַזוי למשל איז דער ייִדישער הויף אויף דער טוואַרדע־גאַס אַ מין קאַנווע ווו דער „ברוינער טרויער״ פֿון דער קריסטלעכער פֿרוי אירענאַ זעט זיך בולטער אָן. ניט נאָר האָט אירענאַ ניט קיין לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט אירע שכנים, ווי באַלד זיי ציטערן אַלע פֿאַר איר, נאָר מיט יאָרן פֿריִער האָט זי איבערגעריסן דעם קאָנטאַקט מיט דער אַרומיקער וועלט אויך. אַ ניט ווינציק טרויעריק־סודותדיקע פֿרוי באַווײַזט זיך אין די גלילער בערג במשך דער באַפֿרײַ־מלחמה („די פֿרוי פֿון באַרג״).

אַ גענויער פֿאַרגלײַך צווישן די צוויי דערציילונגען ווײַזט אָבער אָן אויף אַן עיקרדיקן חילוק: בעת אײַזנמאַן מאָלט אויס די טוואַרדע־גאַס מיט אַלע אירע פּיטשעווקעס און די פֿרוי אירענאַ ווערט באַשריבן ווי אַ מין עקזאָטישער שטיין אין אַ מאָזאַיִק פֿון פֿאַרבן און קלאַנגען, געהערט די פֿרוי פֿון באַרג צו אַ בכּיוונדיק לעגענדאַריש־אויסקוקנדיקער וועלט. אַזוי הייבט זיך אָן די ערשטע דערציילונג:

> ווען זי איז געקומען אין גראָען פֿירקאַנטיקן הויף מיט די אָפּגעשיילטע מויערן, געדענקען בלויז איינצלנע אײַנוווינער.
>
> אַ צעהיצטער תּמוז־טאָג איז דעמאָלט געווען ווען פּלו־

* איך וויל בײַ דער געלעגנהייט האַרציק באַדאַנקען פֿ׳ אײַזנמאַנען פֿאַר אויסבאָרגן די קלישעס וואָס ווערן דאָ גענוצט צום ערשטן מאָל און פֿאַר זײַן כּסדרדיקער מוטיקונג. ז.־ה. ר.

אין אַ קאָמפּליצירטן ציקל לידער מיטן נאָמען „פּסיכאָ־עקאָנאָמישע פּייזאַזשן" רעדט ער אַרום דעם ייִדישן „מיסחר־קאָמפּלעקס":

זענען מיר ניט תּמיד
אָרעם געווען אין באָרדעלן און רײַך
אין באַריקאַדן ?

*יונג־ישׂראל*, 1956, ז׳ 46

אינעם גערעם פֿון גאַנצן ליד פֿאַרשטייט מען אַז דערמיט וויל רינצלער זאָגן אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט זײַן גאַנצע לעבנס־ענערגיע פֿאַרתּכלעוועט אײַנעם טאָגטעגלעכן קאַמף פֿאַרן עקסיסטענץ, דער עיקר אינעם מאַרק און יריד, בעת בײַ אַנדערע פֿעלקער האָט מען די זעלבע ענערגיע אַנגעווענדעט אויף עפּעס אַנדערש. אַזוי פֿאַרטאָן זענען מיר אינעם עקאָנאָמישן הר־הא אַז אַלץ ווערט איבערגעגאָסן אין אַ מאַטעריאַליסטישן פֿורעם. די עשׂרת־הדיברות ווערן „דעקאַלאָגן / פֿון אונדזער סענטימענטאַלן פּראָפֿיט" און „אַלץ איז אַ זיגל־געשאַנק / פֿונעם גרויסן קלאַסיפֿיקאַטאָר." רינצלער ניצט אָפֿט תּנך־מאָטיוון אויסצודריקן זײַן קוק אויפֿן הײַנט. לאָמיר זיך אָפּשטעלן באַריכות אויף זײַן ציקל לידער „קין" (אין *די גאָלדענע קייט*, נומ׳ 13 [1952], ז׳ 203־204).

1

יעדער וואָרט טראָגט אַ מונדיר.
נביא, פֿאַר וועמען ציטערסטו —
פֿאַרן סנה צי פֿאַרן ציגנבאָק ?

נאַקעטער, וועמען פֿאַרשעמסטו ?
אין־סוף ווייס ניט פֿון בושה.
איז כּדאַי צו פֿאַרחתמענען דעם נעכטיקן טאָג
פֿאַר אַ נײַער קאַפּאָטע ?

בלוט איז אַ האַרטערע מטבע ווי טרער.
די זאַלצפּערל פּאַרשפּיל ניט אין קאָרטן —
טרער איז ווי וואַסער, אָבער בלוט איז ווײַן.
לחיים —
קין.

רינצלער פֿאַררופֿט זיך אויף עטלעכע תּנכישע העלדן אינעם ערשטן ליד. אַלע לעבן זיי אונטערן סימן פֿון גאָטס וואָרט. יעדער וואָרט אין תּנך קען עמעצן אומברענגען. דער וואָס איז אויסדערווײלט צו הערן דאָס דאָזיקע וואָרט ציטערט אָדער פֿאַר דער אַנטפּלעקונג גופֿא, אָדער פֿאַרן לעבן פֿונעם קרבן, פֿאַרן ציגנבאָק וואָס וועט פֿאַרטרעטן יצחקן אויף דער עקידה.

אָדם הראשון איז די טעמע פֿון דער צווייטער סטראָפֿע. וואָס האָט ער זיך צו שעמען מיט זײַן נאַקעטקייט אין גן־עדן אַז גאָט אַליין איז אומפֿאַרשעמט ? אָדם האָט שלעכט געהאַנדלט: אַנשטאָט צו לעבן נאַקעט און פֿרײַ אין גן־עדן, דאַרף ער לעבן געקליידט און פֿרום אין דער גרויסער וועלט. ווי עשׂו, הייסט עס, האָט ער פֿאַרקויפֿט די בכורה פֿאַר אַ טאָפּ לינדזן. ערשט אין דער דריטער סטראָפֿע פֿיגורירט קין אַליין. דער פּאָעט וואָרנט אים ער זאָל זיך היטן פֿאַר פֿאַלשע אָדער שלאַבערדיקע עמאָציעס. פֿאַל ניט אַרײַן ווי אָדם און עשׂו, ווי אַבֿרהם און משה. זאָל ער טרינקען דאָס פֿאַרגאָסענע בלוט און הנאה האָבן. בלויז ער, קין, האָט גוטע אײַנסטינקטן און גייט צו גלײַך צו דער זאַך:

2

אין מײַן קרישטאָלן אויסגעמעסערט פּנים
שפּיגלט זיך דער טאָג.
וואָס איז דער טאָג אָן אַ שפּיגל ?
וואָס איז דער שפּיגל אָן אַ פּנים ?
וואָס איז אַ פּנים אָן אַ מעסער ?

באַשאַפֿער, דײַן שותּפֿות מיט מיר —
פֿאַר וואָס ווערט זי פֿאַרשוויגן
אין די תּנכישע פּראָטאָקאָלן ?
און דו ווייסט דאָך גוט,
אַז אין זכות פֿון מײַן האַנט
דײַנע מזבחות זיך רויכערן.

מיך וועט קיין מאָל ניט אײַנאָטעמען די ערד —
די ברענענדיקע קאַטעדראַלע וואָס דאַרשט
נאָך לעשונג.

דאָ רעדט שוין קין אין ערשטן פּערזאָן. מאָרד, זאָגט ער, איז אַ נאַטירלעכער, אַפֿילו אַ גייטיקער טייל פֿונעם וועלטבאַשאַף. די וועלט איז דאָך באַשאַפֿן געוואָרן פֿאַרן מענטשן, און די נטיה פֿונעם מענטש איז צו פֿאַרגיסן מענטשלעך בלוט. והא־ראיה, אַז גאָט אַליין האָט אויפֿגעשטעלט אַ מזבח־קולט ווו דער מענטש זאָל קענען מכפּר זײַן אויף זײַנע זינד. די גאַנצע ערד איז אַ מין ברענענדיקער מזבח וואָס וויל פֿאַרברענען דעם זינדיקן מענטש. אָבער אַפֿילו מיט יאָרהונדערטער שפּעטער, ווען קלויסטערס וועלן פֿאַרטרעטן דעם מזבח, וועט דער מערדער קין אַרומגיין אויף דער ערד און סוף־כּל־סוף וועט די גאַנצע וועלט זיך אומקערן דורך אים צום תּוהו־ובֿוהו:

3

ס'וועט אויפֿהערן צו רעגענען מיט מענטשלעכקייט.
וועט די ווינט־און־וויי־פֿאַרפֿלייצונג
זיך פֿאַרצײַען. און אין אורשטויב
וועלן ווידער שלענגלען זיך די וועגן
צו די מאַלפּע־מאַמעדיקע דנאָען.



טיף אין זיך פֿאַרגעס דעם אויסטײַטש
פֿון דעם בלאָען הימלפּויק
וואָס קרײַזט אַרום דײַן דזשונגל־פּנים —
וועסט זײַן אַ מזלדיקע חיה.

אויב דער „בלאָער הימלפּויק" זאָל באַטײַטן גאָטס וואָרט, קען מען פֿאַרשטיין די לעצטע סטראָפֿע אַזוי: דער נאַראַטאָר (קין?) וואָרנט דעם צוקונפֿטיקן מענטש אַז ווען די וועלט וועט ווידער ווערן אַ דזשונגל, זאָל ער וואָס גיכער פֿאַרגעסן דעם צלם־אלקים און זיך צופּאַסן צו די נײַע, חיִישע נאָרמעס. דעמאָלט וועט אים זײַן גוט. אָבער זאָל דאָס זײַן אומפֿאַרמײַדלעך, אַט דער גרויליקער סוף פֿון מענטשלעכע ווערטן? וואָס זענען די סיבות וואָס קענען פֿירן דערצו? וועגן דעם לאָזט אונדז הערן דאָס פֿערטע ליד:

4

אַ צו געדיכטער ווערטערוווּקס
אין די פֿאַרקראַמפּטע וועלדער און יאָרן.
צו פֿיל ווײַזנדיקע פֿינגער
שטערנען אויס די פֿאַרפֿלייצטע זיכרונות.

און צו פֿיל שטויב
שאָלן אויס די טריט פֿון נבֿיאים.

אַ מילד שמייכלענדיקער שנייבאַרג
פֿון אַנגופֿיקע קעפּ און פּאָנען
ווערט בלאַט און בילד און אַלבאָם
אין מײַן פֿלייש, אין מײַן הויט,
אין סקעלעט פֿון מײַן צײַט.

צו פֿיל תּורה (דער ווערטערוווּקס), צו פֿיל מוסר (די ווײַזנדיקע פֿינגער) און צו פֿיל אויסלייזערס (די טריט פֿון נבֿיאים). און וואָס איז דער פּועל־יוצא פֿון אַלע פֿילאָסאָפֿיעס און אידעאָלאָגיעס — אַ באַרג הרוגים און פּאָנען; פֿאַרגליווערטע זיכרונות פֿון אַ מאָל און אָן אויסגעהרגעטער הײַנט. אַלע ווערטער פֿירן צום טויט, די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע באַשטייט פֿון „פֿאַרקריפּלטע נעכטנס" און „נקמהדיקע מאָרגנס":

דו, אומזיסטיקער שעהען־ווײַזער אויפֿן שפּיגלבלאַט
פֿון נאַכטזייגערס, וואָס לײַכטן אויס
פֿאָספֿאָריקע סילועטן פֿון פֿאַרקריפּלטע נעכטנס;
דו, אומזיסטיקער שעהען־ווײַזער אויפֿן שפּיגלבלאַט
פֿון טאָגזייגערס וואָס שיילן אויס
געצן־געשטאַלטן פֿון נקמהדיקע מאָרגנס, —
וועלכער מעת־לעת וועט דיך דערלאָזן
אויסצוגראָבן פֿון זײַן לײַב
כאָטש אַ רגע אייביקייט
פֿאַרן יצירה־קול
פֿון דײַנע פֿאַרשוועכנדיקע אַרמאַדעס ?

דער שעהען־ווײַזער, דאָס איז דער גאַנג פֿון דער געשיכטע. זי האָט איר אייגענעם עגאָיִסטישן ווילן. זי וויל זיך פֿאַראייביקן נאָר דורך מלחמות און קאַמף, דורך העראָישקייט, מישטײַנס געזאָגט, ווײַל דאָס איז די פֿילאָסאָפֿיע פֿון טויט, קינס וועג אין דער מענטשלעכער געשיכטע. פֿאַראַן אָבער אַ גאַנץ אַנדער דרך, און מיט דעם פֿאַרענדיקט זיך דער ציקל. דורך קאַמף און מאָרד קען מען זיך ניט פֿאַראייביקן. זאָל דער מענטש בעסער פֿאַרזיכערן זײַן קיום דורך דער נאַטור און דער מענטשלעכער ביאָלאָגיע:

איז דיר ניט גענוג אייביקייט
אין דער גרינער באָרד פֿון אַן אַלטן רעגן,
אין פּיס פֿון טאַנצנדיקע פּיאַלעטן,
אין די פֿאַראַנקערטע ערדשיפֿן
צו די וואָרצל־האַפֿנס פֿון ציפּרעסן ?

דו, אומזיסטיקער לעכצער נאָך ווײַזן און באַווײַזן,
זענען דיר ניט גענוג די נײַן חדשים אייביקייט
אינעם שויס פֿון דײַן מאַמען ?

צו ערשט קומט אויס ווי דער פּאָעט באַזינגט דעם כּוח פֿון מערדער און הייבט אים אַריבער אַלע אַנדערע תּנכישע געשטאַלטן. ער ווײַזט ווי גאָט אַליין איז מיטשולדיק אין איטלעכן מאָרד. דער לאָגישער ענד־רעזולטאַט פֿון אַזאַ לעבנס־פֿילאָסאָפֿיע איז אַן אומקער צום חיִישן דזשונגל. און שולדיק איז אויך די ציוויליזאַציע מיט אירע נײַן מאָס רייד און אירע פּוסטע אידעאָלאָגיעס. בלײַבט דער מענטש מיט אַ לעצטער ברירה: אָדער אויסקלײַבן דעם העראָישן דרך וואָס פֿירט צום טויט אָדער דעם אָרגאַנישן, שטילן פּראָצעס וואָס פֿירט צום לעבן.

רינצלער פֿילט די שפּאַנונג צווישן דעם תּנכישן צוזאָג און זײַן פּראָזאַישער רעאַליזאַציע. יאָ, אין לאַנד פֿון תּנך קומען פֿאָר גרויסע, היסטאָרישע, אַפֿילו העלדישע פּראָצעסן, אָבער קוקט מען זיך צו אַ ביסל נענטער, זעט מען אַ פּשוטן ייִדישן אימיגראַנט אין אַ פּראָסטן באַראַק זיצנדיק בײַ אַ געוויינטלעך גלעזל טיי. מײַסטעריש ביז גאָר דריקט רינצלער אויס אָט די טאָפּל־וויזיע אין זײַן לידער־ציקל „פֿלײַענדיקער טעפּעך" (*די גאָלדענע קייט*, נומ׳ 11 [1952], 170 ־ 172). דער נאָמען, ווי באַוווּסט, באַצייכנט די אָפּעראַציע פֿון איבערפֿירן טויזנטער תּימנער ייִדן קיין מדינת־ישׂראל אין די אָנהייב 50ער יאָרן.

א

דו, פֿליִענדיקער טעפּעך,
ביסט פֿאָרט ניט מער,
ווי אַ טאָגטרוים־שוידער
פֿון אַ פֿאָלק אַ טעאַטראַליש.

אַ גראָע נעפּל־מוזיק
איז אונדזער געשיכטע.

און אַז פֿון די אייגענע שוואַרצאַפּלען
ברעכט מען אויס די תּפֿיסה־גראַטעס —
איז דער הימל ניט מער קיין תּפֿיסה,
דער הימל איבער תּימן,
בבֿל,
מצרים?

עס פֿאַרבלײַבן אויגן.
אויגן אָן גראַטעס,
אָן הימלען.
פּשוטע אויגן —
מיט לעכער,
מיט לעכער.

אַ גראָע נעפּל־מוזיק
איז אונדזער געשיכטע.

אמת, מען האָט אָפּגעראַטעוועט אַ ייִדישן שבת. צי הייסט עס אָבער אַז דערמיט האָט מען די ייִדן גופֿא אויסגעלייזט? נאָכן גרויסן ספּעקטאַקל, ספּעציעל צוגעקליבן פֿאַרן טעאַטראַלישן פֿאָלק אונדזערן, בלײַבן די אַקטיאָרן מיט אויסגעוועפּטע אויגן און חלומות.

און דאָך לעכצט מען נאָך עפּעס אַן אַנטפּלעקונג. אַזוי ווײַזט אונדז דאָס צווייטע ליד. זאָל זי קומען „אין די שטעכלען פֿון סאַבּרעס" אָדער „אין צוזאַמענפֿלייש פֿון אותיות" — אַזוי ווי בײַם ברענענדיקן סנה אָדער בײַם באַרג סיני. צי אפֿשר איז גאָט גאָרניט אויסן זיך צו אַנטפּלעקן און זײַן גאַנצער ציל איז מערניט ווי אַרויסצורופֿן בײַם מענטשן די בענקשאַפֿט צו גאולה:

ב

אין די שטעכלען פֿון סאַבּרעס
באַווײַזט זיך און לאָזט הערן
וואָס דו באַפֿעלסט צו מיר.

אין צוזאַמענפֿלייש פֿון אותיות
באַווײַזט זיך און לאָזט הערן
וואָס דו באַפֿעלסט צו מיר.

אין דער ווילדקייט פֿון אַ זייגערראָד
באַווײַזט זיך און לאָזט הערן
וואָס דו באַפֿעלסט צו מיר.

און אפֿשר ווילסטו גאָרנישט פֿון מיר?
אפֿשר איז עס נאָר מײַן ווילן צו שטיין
אויף אַן אין־סופֿיקער שפּיגלפֿלאַך —
דײַן איינציק וואָר פּנים —
כ'זאָל נאַקעט שטיין, נאַקעט,
און זיך שפּיגלען און שפּיגלען,
תּפֿילהן און תּפֿילהן:
אין דיר אַליין באַווײַזט זיך
און לאָזט הערן
וואָס דו באַפֿעלסט צו מיר. —

הייסט עס אַז חוץ דער „גרויער נעפּל־מוזיק" איז יאָ מעגלעך עפּעס צו דערגרייכן, צי דירעקטערהייט פֿון גאָט, צי אומדירעקטערהייט, פֿון זיך אַליין. אין דריטן ליד הערט זיך גאָר אַן אַנדער טאָן וואָס רעדט בפּירוש וועגן דעם היסטאָריש־העלדישן אויפֿטו פֿונעם נײַעם ייִדישן דור:

ג

מיר זענען אַ בראַנדוווּנד    אין בלינדן הײַנט,
צונויפֿגעקאַרבט
און זיך פֿאַרגופֿט
צו אַ גורל.

מיר זענען אַן ערדקנויל וואָס האָט זיך אַליין
פֿון תּכריכים אויסגעשיילט,
זיך אויסגעקנעט און אויסגעפֿורעמט
לפּי[13] אַן אור־דורותדיקן שאָטן
צו אַ בן־וועלט געשטאַלט.

מיר זענען אינעם פֿאָלקס קאָמפּאַס
די נײַע פּאָליוסן:
של־ראָש און של־יד.

מיר זענען גראַניט־ און זאַמד־באַשלעפּער,
געבייער פֿון דער צווייאייניקייט:
פּאָעט און פּויער.

דורכן צונויפֿפּאָרן אַבסטראַקטע באַגריפֿן מיט קאָנקרעטע עפּיטעטן באַקומט זיך אַן אויסטערלישער „מיר". דער מיר, דאָס איז אַ נײַער עלעמענט אין ייִדישן פֿאָלק וואָס האָט זיך אויסגעשיילט פֿון תּכריכים — זיך געראַטעוועט פֿון טויט — פּונקט ווי דער ערדקנויל האָט זיך אויסגעשיילט פֿונעם קאָסמאָס. און כאָטש מען איז אַליין דער אייגענער באַשאַפֿער, איז די שאַפֿונג געגאַנגען לויט אַ פּלאַן: „לפּי אַן אור־דורותדיקן שאָטן / צו אַ בן־וועלט געשטאַלט," ד"ה לויט דער אַלטער תּנכישער וויזיע פֿון איין זײַט און לויטן מוסטער פֿון דער הײַנטיקער וועלט פֿון דער צווייטער.



דער נײַער ישׂראל־ייִד שאַפֿט נײַע ריכטונגען לויט אַלטע מוסטערן. ער בויט אויף אַ לאַנד אויף זאַמד און גראַניט און פֿאַראייניקט די ביזאיצטיקע צווייִקייט: גײַסט און גוף, חלומער און בויער. און דאָס אַלץ בינדט זיך איצט צונויף: דער אור־דורותדיקער שאָטן מיטן של־ראָש מיטן פּאָעט פֿון איין זײַט; דאָס בן־וועלט געשטאַלט מיטן של־יד מיטן פּויער פֿון דער צווייטער. נעכטן און הײַנט, וויזיע און וואָר.

צום סוף קומט אַ בילד ווי עס זעט אויס דער ספֿרדישער פּראָוויזאָרישער ייִשובֿ פּונקט צוועלף בײַ נאַכט.

ד

אויפֿן זייגערוועג די שעהען־ווײַזערס
נעמען זיך רגעדיק אַרום:
צ וו ע ל ף.

פֿאַרשפּעטיקטע טריט
פּלאָנטערן זיך
דורך דעם טונקעלן געשפּין פֿון גאַסן.

צוויי צעהוליעטע ווײַבער
צעלאַכן זיך און שפּאַסן.

אַ שומר קוקט זיך אום,
פּרווּוט אַ שלאָס,
צינדט זיך אָן אַ פּאַפּיראָס
און גייט ווײַטער.

אינעם שוואַרצן ערגעץ־וווּ,
אין פֿאַרלאַטעטע צריפֿים,
לעצטע קויל פֿאַרגליט
אין די סאַמאָוואַרן.

אויב שעהען־ווײַזערס קענען זיך פּלוצעם אַרומנעמען „אויף דער הייסער מינוט," ווערט שוין במילא דאָס פּראָזאַישע בילד פֿון ספֿרדישע באַראַקן באַלעבט מיט אומגעוויינטלעכע פֿאַרבן. ליכט און פֿינצטער, קלאַנג און שטילקייט. חצות. נאָר אַ געניטער פּאָעט קען אַזוי מאַניפּולירן מיט שטימונגען, פֿאַרמען און וואָרט־קאָמבינאַציעס. ס'איז אַ גאָר גרויסער פֿאַרדראָס וואָס נאָך אַזאַ צוזאָגנדיקן אָנהייב האָט אַבֿרהם רינצלער אויפֿגעהערט צו שרײַבן.

(המשך קומט ניט)

Some members of the group published their Yiddish poems and stories almost immediately after their arrival in Israel in venues such as *Nayvelt* (*New World*), a Yiddish weekly newspaper published by the left-wing party Poale Zion (which was generally more supportive of Yiddish from the outset) between 1934 and 1955.[12] However, the first collective publication took place in 1951 in a special section of *Di goldene keyt* titled "Fun der yunger yidisher literatur in Yisroel" ("From the Young Yiddish Literature in Israel") with poems by H. Binyomin, Rivka Basman, Avrom Rinzler, Moshe Yungman, Yossl Birshtein, and Shlomo Vorzoger and short stories by Zvi Eizenman.[13]

Following an inaugural meeting at Kibbutz Yagur, where Zvi Eizenman lived, in October 1951, the core members of the group emerged. In this original meeting (which became a tradition for a number of years), some attendees gave addresses and the group also used the occasion to ponder and debate its path. When the group published again in *Di goldene keyt* (1952), it used the name Yung Yisroel.[14] It took the group two more years to edit and produce its own journal—*Yung Yisroel: literatur, kunst, kritik* (*Yung Yisroel: Literature, Art, Criticism*). The journal, like the group itself, took many cues from earlier modernist Yiddish groups and their publications. An editorial committee collectively edited it, with the poet Avrom Rizler serving as editor in chief. The first volume (1954) included poetry and prose, critical and programmatic essays by members of the group, and artwork by Yossl Bergner (sketches for illustrations of Kafka's texts) and Ya'akov Shteiner (reproductions of sculptures).

This combination of art and literature is an example of the ways *Yung Yisroel* followed the model set by the great modernist Yiddish journals in Europe and



Meeting of Yung Yisroel in Kibbutz Yagur, 1956. *Right to left*: Avrom Rinzler, Rukhl Fishman, Avrom Karpinovitz, Yossl Birshtein, Avrom Sutskever, Rivka Basman, Moshe Gurin, Moshe Yungman, Zvi Eizenman, Shlomo Vorzoger. Courtesy of Rivka Basman.